# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:57
מוצאי שב"ק....................9:27

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.................מלכים-א' י"ז-י"ח
בבלי...........................גיטין ע"ד
ירושלמי.............תרומות מ"ג
תוספתא.................אהלות י"ח
רמב"ם.......................ברכות ח'

פרשת ואתחנן, שבת נחמו, י"א אב, אבות פרק ג', שנת תשפ"ג לפ"ק
שנה 12, גליון 44 (614)


# אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וָאֶתְחַנַּן אֶל ה' בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר. זָאגְן חֲזַ"ל (דְּבָרִים רַבָּה יא, ט): מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פִינְף הוּנְדֶערְט אוּן פוּפְצְן תְּפִילוֹת אַז עֶר וִויל אַרַיינְגֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט (דְּבָרִים ג, כו): **רַב לָךְ אַל תּוֹסֶף דַּבֵּר אֵלַי עוֹד בַּדָּבָר הַזֶּה**, בֶּעט נִישְׁט מֶער. וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָואלְט וֶוען גֶעבֶּעטְן נָאךְ אֵיין תְּפִלָּה, וָואלְט עֶר גֶעקֶענְט אַרַיינְגֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהֵייסְן אוֹיפְהֶערְן בֶּעטְן.

חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת לב:): **אִם רוֹאֶה אָדָם שֶׁהִתְפַּלֵּל וְלֹא נַעֲנָה, יַחְזוֹר וְיִתְפַּלֵּל**, וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ זַאךְ אוּן מֶען זֶעט אַז מֶען וֶוערְט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן - זָאל מֶען נָאכְאַמָאל בֶּעטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים כז, יד): **קַוֵּה אֶל ה', חֲזַק וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ וְקַוֵּה אֶל ה'**; מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְן וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען זֶעט נָאכְנִישְׁט דִי יְשׁוּעָה, מֶען דַארְף וַוארְטְן אוּן וַוייטֶער בֶּעטְן בִּיז מֶען וֶוערְט גֶעהָאלְפְן. דָאס לֶערְנְט אוּנְז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ דָא אוֹיס, אַז מֶען דַארְף בֶּעטְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אֲפִילוּ מֶען זֶעט אַז מֶען וֶוערְט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן, בֶּעט מֶען וַוייטֶער, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט.

שַׁבָּת נַחֲמוּ אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער שַׁבָּת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טְרֵייסְט אוּנְז אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מִיר הָאבְן טַאקֶע נִישְׁט דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, מֶען הָאט אוּנְז פַארְטְרִיבְן אִין גָלוּת, אָבֶער צַדִּיקִים הָאבְן מִיר, מִיר הָאבְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי טְרֵייסְט אוּנְז, "נַחֲמוּ" אִיז אַזוֹי וִוי דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען "נַחְמָן", וֶוען מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים, אָדֶער מֶען הֶערְט דֶעם רֶבִּינְ'ס קוֹל, הֵייבְּט מֶען פְּלוּצְלוּנְג אָן צוּ בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְפַאר קוּמְט אוֹיס יֶעדֶעס יָאר פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן אִין שַׁבָּת נַחֲמוּ, וַוייל דֶעם רֶבִּינְ'ס גַאנְצֶע זַאךְ אִיז גֶעוֶוען תְּפִלָּה. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן צג): אִיךְ וִויל נָאר אֵיין זַאךְ - אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין יֶעדְן אֵיינֶעם תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים פַארְצֵיילְן אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים. דִי גַאנְצֶע זַאךְ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אִיז אֵיין וָוארְט: "**בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן**" אוּן "**רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן**", דָאס אִיז גַאנְץ בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידוּת, אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז דִמְיוֹנוֹת אוּן נַארִישְׁקֵייטְן.

אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"ש הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט דְרָשׁוֹת פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ עֶס זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט טוּן אָבֶער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט, הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט וִוי מוֹהֲרָא"ש זָאגְט בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אַן עֵצָה אַז מֶען קֶען בֶּעטְן אוֹיף דֶעם זֶעלְבְּסְט, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל רֶעדְן צוּ דִיר**", "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם פַארְוָואס מִיט אַ חָבֵר קֶען אִיךְ שְׁמוּעֶסְן אוּן מִיט דִיר קֶען אִיךְ נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן?!**" "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם פַארְוָואס קֶען אִיךְ רֶעדְן צוּ יֶעדְן אוֹיסֶער צוּ דִיר, וֶוען אִיךְ טְרַאכְט צוּ רֶעדְן צוּ דִיר, קוּמְט מִיר אַרַיין אִין קָאפּ אַז מָארְגְן וֶועל אִיךְ שׁוֹין רֶעדְן צוּ דִיר? פַארְוָואס גֶעשֶׁעט אַז וֶוען אִיךְ הֵייבּ נָאר אָן צוּ רֶעדְן צוּ דִיר מַאכְן זִיךְ מַיינֶע אוֹיגְן צוּ, אִיךְ הֵייבּ אָן גֶענִיצְן?**"

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַ מַעֲשֶׂה (עַיֵּין בְּסֵפֶר נוֹצֵר חֶסֶד, פֶּרֶק ד', מִשְׁנָה ד'; וּבְדִבְרֵי יְחֶזְקֵאל פָּרָשַׁת עֵקֶב), אֵיידֶער דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים: "אַזוֹי וִוי אִיךְ גֵיי שׁוֹין נִסְתַּלֵּק וֶוערְן פוּן דִי וֶועלְט, זָאלְסְט עֶטְס זוּכְן אַ נֵייעֶר רֶבִּי", הָאבְן דִי תַּלְמִידִים אִים גֶעפְרֶעגְט: "צוּ וֶועם זָאלְן מִיר גֵיין?" הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "אִיךְ גֶעבּ עֶנְק אַ סִימָן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען דֶערְקֶענֶען צִי דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַן אֱמֶת'עֶר צַדִּיק, אוֹיבּ וֶועט עֶטְס אִים בֶּעטְן אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי צוּ הָאבְן אַ רֵיינֶע מֹחַ מַחֲשָׁבָה אוּן עֶר וֶועט עֶנְק גֶעבְן אַן עֵצָה – זָאלְסְט עֶטְץ אַנְטְלוֹיפְן פוּן אִים, דָאס אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אֵיין שְׁטִיק בְּלָאף, אָבֶער אוֹיבּ וֶועט עֶר עֶנְק זָאגְן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שׁוּם עֵצָה, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערוֹיף - זָאלְט עֶטְס גֵיין צוּ אִים."

דָאס גֵייט זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, דָאס אִיז דִי גְאוּלָה, דָאס גֵייט זַיין דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אַז יֶעדֶער אֵיינֶער אֲפִילוּ קִינְדֶער וֶועלְן אַנֶערְקֶענֶען אוּן לֶעבְן מִיט דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף.

(אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, וָאֶתְחַנַּן תשפ"ב)

# מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

## שַׁבָּת נַחֲמוּ

דִי וָואךְ לֵיינֶען מִיר דִי הַפְטוֹרָה פוּן "שַׁבָּת נַחֲמוּ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טְרֵייסְט דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (אֵיכָה רַבָּתִי א', נ"ז), דִי אִידְן הָאבְן גֶעזִינְדִיגְט טָאפְּלְט, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (אֵיכָה א', ח') "חֵטְא חָטְאָה יְרוּשָׁלַיִם", זֵיי זֶענֶען טָאפְּלְט גֶעשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן, וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְשַׁעְיָה מ', ב') "כִּי לָקְחָה מִיַּד ה' כִּפְלַיִם בְּכָל חַטֹּאתֶיהָ", אוּן זֵיי וֶוערְן טָאפְּלְט גֶעטְרֵייסְט, "נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי יֹאמַר אֱלֹקֵיכֶם" (יְשַׁעְיָה מ', א').

וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דָאס וֶוערְן "טָאפְּלְט" גֶעטְרֵייסְט? וִוי אַזוֹי טְרֵייסְטְן זִיךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער? אוּן וָואס הָאט עֶס שַׁיְיכוּת מִיט דִי וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה, פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנָּן?

דֶער עִיקָר טְרֵייסְט וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת, וֶוענְדְט זִיךְ נָאר אִין וִויפִיל עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַוְקָא וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ מַתְּנַת חִנָּם, אַזוֹי וִוי רַשִׁ"י זָאגְט אָנְהוֹיבּ דִי וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה "וָאֶתְחַנַּן אֶל ה'", מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים גֶעבְן אַ

<<<<<<

# א גוט ווארט

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער אֲרִיזַ"ל הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי חַיִּים וִיטַאל זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַז צוּ אַלֶעס הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען פוּן שִׂמְחַת הַמִּצְווֹת; עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְרֵייט בַּיי יֶעדֶע מִצְוָה אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט פַארְדִינְט אַ הוֹן רַב. אוּן דִי עֲבוֹדָה פוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט מִצְווֹת קֶענֶען מִיר פָּשׁוּטֶ'ע מֶענְטְשְׁן אוֹיךְ טוּן; וֶועלְן מִיר אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן.

מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן אַז מֶען דַארְף טוּן שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, מֶען דַארְף טוּן עֲבוֹדוֹת וִוי 'פַאסְטְן' אוּן 'זִיךְ פַּיינִיגְן', אוּן דָאס מַאכְט מֶען זָאל זִיךְ מְיַיאֵשׁ זַיין פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶער דִי צַדִּיקִים הָאבְן אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז נִישְׁט פַאסְטְן, אוּן נִישְׁט דִי סָארְט עֲבוֹדוֹת – אִיז עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, נָאר שִׂמְחָה; זִיךְ פְרֵייעֶן מִיטְן 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי', אִיךְ בִּין נִישְׁט קֵיין גוֹי', אוּן מִיט דִי מִצְווֹת וָואס מֶען טוּט – דָאס בְּרֶענְגְט צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וָאֶתְחַנָּן תשפ"ג)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# פוּן דַיינֶע שְׁוֶועריִקייטְן, נֶעם אַרוֹיס חִיזוּק

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת דְבָרִים, ב' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת - דַארְף דָאס דִיר מְחַזֵק זַיין, וַוייל וֶוען אַלֶעס גֵייט ווִי מֶען ווִיל - דַארְף מֶען מוֹרָא הָאבְּן 'אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ נִישְׁט בַּיי דִי קְדוּשָׁה?'

מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט, אִין דִי פָּאר יָאר וֶוען עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פָּארְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וֶוען דִי עֶרֶב רַב הָאבְּן אִים גֶעוָואלְט גֶעבְּן זֶעכְצְן יָאר תְּפִיסָה אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּם צִיוּן פוּן דֶעם רֶבִּי'ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פוּן סַאטְמֶער אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אַז עֶר הָאט אַזוֹיפִיל יִסוּרִים פוּן דִי רְדִיפוֹת וְכוּ', שְׁפֶּעטֶער בַּיינַאכְט הָאט זִיךְ מוֹהֲרָא"ש גֶע'חָלוֹמְ'ט ווִי עֶר שְׁטֵייט פַארְן רֶבִּי'ן פוּן סַאטְמֶער אוּן דֶערְצֵיילְט אִים פוּן זַיינֶע רְדִיפוֹת, אוּן דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אִים גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע חִיזוּק פַאר דִיר, אַז דוּ זֶעסְט ווִי שְׁוֶוער עֶס גֵייט דִיר יֶעדֶע זַאךְ - אִיז דָאס אַ סִימָן אַז דוּ בִּיסְט פוּן דִי קְדוּשָׁה. וֶוען עֶס וָואלְט דִיר אַלֶעס גֶעגַאנְגֶען גְרִינְגֶערְהֵייט וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט טְרַאכְטְן אוֹיף דִיר אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט פוּן דִי קְדוּשָׁה"; מוֹהֲרָא"ש הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶועזְן.

נֶעם דַיינֶע שְׁוֶועריִקייטְן אוּן פוּן דֶעם נֶעם אַרוֹיס חִיזוּק אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ג, יב): "כִּי אֶת אֲשֶׁר יֶאֱהַב ה' יוֹכִיחַ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט דִי שְׁוֶועריִקייטְן פַאר דֶעם וֶועם עֶר הָאט לִיבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה דְבָרִים תשפ"ג)

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

מַתְּנַת חִנָּם, נִישְׁט וַוייל סְ'קוּמְט זִיךְ אִים.

וֶוען אַ אִיד אַנֶערְקֶענְט אַז אַלֶעס וָואס עֶר הָאט אִין לֶעבְּן, סֵיי בְּרוּחְנִיוּת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיוּת, אִיז נָאר אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס הָאט אִים דָאס גֶעשָׁאנְקֶען מִיט זַיינֶע גְרוֹיסֶע חֲסָדִים, אוּן טַאקֶע דֶערְפַאר וָואס אַלֶעס אִיז נָאר מַתָּנוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען דֶער מֶענְטְשׁ בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר ווִיל, וַוייל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאךְ נִישְׁט דָא קַיין גְרֶענִיצְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען אוּנְז דָאךְ אַלֶעס גֶעבְּן, עֶר וַוארְט נָאר צוּ הֶערְן ווִי דֶער מֶענְטְשׁ בֶּעט אִים, ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שִׁיר הַשִּׁירִים ב', י"ד) "הַשְׁמִיעִנִי אֶת קוֹלֵךְ", אוּן וָואס מִיר וֶועלְן נָאר בֶּעטְן, וֶועט עֶר אוּנְז גֶעבְּן; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּ דִי הַכָּרָה, וֶוערְט עֶר גֶעטְרֵייסְט פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת.

אַלֶע צָרוֹת פוּן אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט זִיךְ נָאר וַוייל עֶר מֵיינְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַארְגֶעסְן פוּן אִים, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים, עֶר ווִיל אִים נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן, אוּן עֶר ווִיל אִים נָאר אוֹיסְטֵיילְן צָרוֹת. וֶוען מְ'וֵוייסְט אָבֶּער דֶעם אֱמֶת אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זוּכְט נָאר אוּנְזֶער טוֹבָה, אַלֶעס וָואס עֶר גֶעבְּט אוּנְז אִיז נָאר צוּם גוּטְן, וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ שְׁטַארְקְן וַוייטֶער צוּ רֶעדְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף, אוּן דַאן וֶועט אִים זַיין גוּט אִין לֶעבְּן.

מְ'קֶען אָבֶּער נִישְׁט וַוארְטְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר וֶוען מְ'וֶועט הָאבְּן אַ רוּאִיגֶער מֹחַ, אַ יִשׁוּב הַדַעַת, מֶען דַארְף אַלֶעמָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, סֵיי וֶוען מְ'אִיז מְסוּדָר אוּן סְ'רֶעדְט זִיךְ מִיט גֶעשְׁמַאק, אוּן סֵיי וֶוען מְ'שְׁפִּירְט אִינְגַאנְצְן צֶעפָּארְן אוּן פוּל מִיט בִּלְבּוּלִים, אַלֶץ דַארְף מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. פַארְקֶערְט, אַמָאל קוּמְט אַרוֹיס דִי אֱמֶת'עֶ וֶוערְטֶער פוּן הַארְץ דַוְקָא וֶוען מְ'פִילְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן טוּנְקְל אוּן אוֹיסְגֶעלָאשְׁן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קי"ב).

דָאס אִיז דִי טָאפְּלְטֶע נֶחָמָה מִיט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טְרֵייסְט אוּנְז, סוֹף כָּל סוֹף וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ זֶען אַז עֶר הָאט גֶעמוּזְט צוּקוּמֶען צוּ בֵּיידֶע סָארְט תְּפִלּוֹת, סֵיי מִיט גֶעפִילְן אוּן גֶעשְׁמַאק, אוּן סֵיי אָן דֶעם, וַוייל נָאר דוּרְךְ דִי פָּשׁוּטֶע וֶוערְטֶער וָואס עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת וֶוען זַיין הַארְץ אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן פַארְשְׁטָאפְּט, דַוְקָא דָאס הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּ קֶענֶען וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אָנְהוֹיבְּן שְׁפִּירְן דִי זִיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יֶעצְט, אוּם שַׁבָּת נַחֲמוּ, אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט אָנְצוּהוֹיבְּן זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ רֶעדְן עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט קַיין חִילוּק ווִי נִידְרִיג מְ'שְׁפִּירְט זִיךְ, ווִי גֶעפַאלְן מְ'זָאל נָאר זַיין, וַוייל יֶעדֶעס וָוארְט וָואס אַ אִיד רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, אוּן דָאס וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוּן אִים הֶעלְפְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

## אָן קַיין גֶעפִיל

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן צ"ט) אַז אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, סֵיי וֶוען עֶר הָאט אַ גֶעפִיל דֶערִין, אוּן סֵיי וֶוען עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעפִיל, אֲפִילוּ וֶוען עֶר קֶען נָאר רֶעדְן קַאלְטֶערְהֵייט. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ אָן אַ גֶעפִיל, וֶועט זִיךְ סוֹף כָּל סוֹף עֶפֶענֶען זַיין הַארְץ אוּן עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען אַ גֶעפִיל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט עֶר אוֹטָאמַאטִישׁ אוֹיךְ אוֹיפְהוֹיבְּן אַלֶע תְּפִלּוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אָן קַיין גֶעפִיל.

דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דֶער פָּסוּק אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה (דְבָרִים ג, כג) "וָאֶתְחַנַּן אֶל ה' בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר", טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי, "וָאֶתְחַנַּן אֶל ה'" - אַ אִיד זָאל שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, סֵיי עֶר הָאט אַ גֶעפִיל אוּן סֵיי וֶוען עֶר הָאט נִישְׁט. וַוייל "בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר" - עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וֶוען עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען אַ גֶעפִיל אוּן דִי וֶוערְטֶער וֶועלְן זִיךְ זָאגְן פוּן זַיין מוֹיל ווִי גֶעשְׁמִירְט, אוּן דַאן וֶועט עֶר אַלֶעס פַארֶערְכְטְן.

דָאס אִיז נִישְׁט נָאר בַּיים רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בַּיים לֶערְנֶען תּוֹרָה, אָדֶער בַּיים טוּן מִצְוֹת. אַ אִיד דַארְף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פְּרוּבִּירְן אַרַיינְצוּכַאפְּן ווִי מֶער תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, אֲפִילוּ וֶוען עֶר טוּט דָאס נָאר קַאלְטֶערְהֵייט אָן קַיין שׁוּם גֶעפִיל אוּן אָן קַיין פַארְשְׁטַאנְד, אֲפִילוּ וֶוען דִי תּוֹרָה וּמִצְוֹת זֶעעֶן אוֹיס הַאלְבּ-גֶעבַּאקְן, עֶס הָאט נִישְׁט קַיין טַעַם אוּן קַיין גֶעשְׁמַאק, וַוייל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ וָואס אַ אִיד שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן צוּ טוּן פַאר אִים.

וֶוען אַ אִיד דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין גֶעפִיל, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין גֶעשְׁמַאק אִין זַיין לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין דִי מִצְוֹת וָואס עֶר אִיז מְקַיֵים, אִיז דָאס נָאךְ אַסַאךְ מֶער חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. וַוייל עֶס קוּמְט אִים אָן אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער דָאס צוּ טוּן ווִי פַאר אֵיינֶעם וָואס שְׁפִּירְט יָא אַ גֶעשְׁמַאק דֶערִין. אוּן דֶעריבֶּער אִיז דָאס נָאךְ מֶער חָשׁוּב, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ גְרוֹיסֶע נַחַת רוּחַ פוּן דֶעם. אוּן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אַז דֶער אִיד שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן אוּן דִינְט אִים וִויפִיל עֶר קֶען, וֶועט עֶר אִים זִיכֶער צוּם סוֹף הֶעלְפְן אַז עֶר זָאל יָא בַּאקוּמֶען דֶעם גוּטְן טַעַם אוּן קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּשְׁלֵימוּת מִיט אַ חִיוּת אוּן גֶעשְׁמַאק.

חֲזַ"ל זָאגְן (מְגִילָּה ו':) "אִם יֹאמַר לְךָ אָדָם יָגַעְתִּי וּמָצָאתִי, תַּאֲמִין - אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט דִיר אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְּלָאגְט אוּן עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, דַאן זָאלְסְטוּ אִים גְלֵייבְּן". שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ קַשְׁיָא, אוֹיבּ הָאט יֶענֶער טַאקֶע מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, דַארְף מֶען נִישְׁט בְּלוֹיז גְלֵייבְּן, מֶען קֶען דָאךְ זֶען מִיט דִי אוֹיגְן אַז עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען. גְלֵייבְּן דַארְף מֶען נָאר אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען נִישְׁט זֶען מִיט דִי אוֹיגְן.

זָאגְט רֶבִּי נָתָן (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכַּת הַפֵּירוֹת הֲלָכָה ה') אַז וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רוּחְנִיוּת, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָארְט דַארְף מֶען יָא גְלֵייבְּן, נִישְׁט אֵייבִּיג זֶעט מֶען מִיט דִי פְלֵיישִׁיגֶע אוֹיגְן דִי הַצְלָחָה, אַמָאל אִיז דָא אַ מֶענְטְשׁ וָואס פְּלָאגְט זִיךְ אוּן מוּטְשֶׁעט זִיךְ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר זֶעט נִישְׁט אַז עֶר זָאל מַצְלִיחַ זַיין. דַארְף מֶען אָבֶּער גְלֵייבְּן אַז עֶר הָאט זִיכֶער מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, וַוייל דָאס אַלֵיין אַז עֶר פְּלָאגְט זִיךְ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז זַיין גְרֶעסְטֶע הַצְלָחָה. וֶוען אַ אִיד הָאט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, וֵוייסְט עֶר אַז יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס עֶר הָאט זִיךְ

>>>>>>

אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע הַצְלָחָה, אֲפִילוּ נָאר אַ גוּטֶע מַחְשָׁבָה, אֲפִילוּ עֶר הָאט נָאר גֶעטְרַאכְט אַז עֶר ווִיל זַיין וואוֹיל, וֶוערְט דָאס אוֹיךְ נִישְׁט פַּארְלוֹירְן, יֶעדֶע זַאךְ וֶוערְט אַוֶועקְגֶעלֵייגְט, אוּן אַזוֹי זַאמְלְט זִיךְ אָן אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט הָאבְּן דִי סַבְלָנוּת אוּן אוֹיסְהַאלְטְן, וֶועט עֶר צוּם סוֹף אוֹיךְ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען זַיין הַצְלָחָה מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן אָפֶּענֶערְהֵייט.

## מֶען לֵייגְט צוּ נָאר אֵיין "אֵיינְסֶער"

אַ אִינְגֶערְמַאן אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ הרה"ק רֶבִּי דָוִד מֹשֶׁה מִטְשׁוֹרְטְקוֹב זי"ע אוּן זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז לֶעצְטְנְס הָאט זַיין שְׁוֶוער אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ דַאוֶוענֶען, עֶר גֵייט מֶער נִישְׁט אִין שׁוּל אוּן עֶר דַאוֶוענְט מֶער נִישְׁט. אוּן אַזוֹי ווִי דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט גֶעווָאוּסְט אַז זַיין שְׁוֶוער גֵייט אַסַאךְ צוּ דֶעם צַדִּיק, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם צַדִּיק אוֹיבּ עֶר קֶען רֶעדְן מִיט זַיין שְׁוֶוער, אוּן זֶען אַז עֶר זָאל זִיךְ פַּארֶעכְטְן אוּן צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן צוּ דַאוֶוענֶען.

דֶער צַדִּיק הָאט גֶעלָאזְט רוּפְן דֶעם שְׁוֶוער, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶס אִיז אֱמֶת וָואס מֶען דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ דַאוֶוענֶען. הָאט דֶער אִיד גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז אֱמֶת, אוּן דִי סִיבָּה דֶערְצוּ אִיז וַוייל עֶר הָאט בַּאמֶערְקְט אַז וֶוען עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ דַאוֶוענֶען קוּמֶען אִים אַרַיין אִין קָאפּ אַלֶע סָארְט שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, אוּן וִויפִיל עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט זִיךְ אָפְּצוּשָׁאקְלֶען דֶערְפוּן אִיז עֶס אִים נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, עֶר קֶען נִישְׁט פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גֶעקְלֶערְט אַז עֶס אִיז שׁוֹין עֶנְדֶערְשׁ נִישְׁט צוּ דַאוֶוענֶען בִּכְלַל אוּן פָּטוּר אַן עֵסֶק. אַנְשְׁטָאט צוּ הָאבְּן אַזַא צוּהַאקְטֶע אוּן נַארִישֶׁע דַאוֶוענֶען מִיט יֶענְץ פָּנִים, וֶועט עֶר עֶנְדֶערְשׁ אָפְּלָאזְן דֶעם גַאנְצְן דַאוֶוענֶען.

דֶער צַדִּיק הָאט אִים אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן דֶערְנָאךְ הָאט עֶר אִים אוֹיפְגֶעקְלֶערְט אַז עֶר טוּט נִישְׁט רִיכְטִיג "אוֹיבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט דַאוֶוענֶען וֶועט זִיכֶער גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן פוּן דַיין גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט, אוֹיבּ אָבֶּער דוּ וֶועסְט זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ דַאוֶוענֶען אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס ווִי עֶס זֶעט אוֹיס, וֶועלְן אָבֶּער מִיט דִי צַייט זִיךְ צַאמְקוּמֶען דִי אַלֶע יְגִיעוֹת וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ גֶעפְּלָאגְט צוּ דַאוֶוענֶען, אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין אַז דַיין דַאוֶוענֶען וֶועט יָא הָאבְּן אַ שֵׁיינֶעם פָּנִים".

אוּן עֶר הָאט דָאס אִים שֵׁיין אַרַיין גֶעטַייטְשְׁט אִין פָּסוּק. דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים פז, ו) "ה' יִסְפֹּר בִּכְתוֹב עַמִּים", הָאט דֶער צַדִּיק גֶעטַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צֵיילְט אוֹיף דִי וֶועג ווִי אַזוֹי דִי פֶעלְקֶער שְׁרַייבְּן". וֶוען דִי אִידְן שְׁרַייבְּן נוּמֶערְן שְׁרַייבְּט מֶען "אֵיינְס", "צֶען" "הוּנְדֶערְט" א.א.וו. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אוֹיף לָשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ, שְׁרַייבְּט מֶען אוֹיךְ דִי נוּמֶערְן מִיט וֶוערְטֶער, "אֶחָד", "עֲשָׂרָה", "מֵאָה" א.א.וו. ווִידֶער בַּיי דִי גוֹיִם הָאבְּן זֵיי דִי נוּמֶערְן וָואס זֵיי שְׁרַייבְּן צוּם בֵּיישְׁפִּיל "1", "10", "100". אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צֵיילְט דִי נוּמֶערְן לוֹיט ווִי דִי גוֹיִם צֵיילְן עֶס.

אוּן דֶער צַדִּיק הָאט אִים מַסְבִּיר גֶעוֶוען: וֶוען דוּ דַאוֶוענְסְט אַזַא צוּהַאקְטֶע דַאוֶוענֶען, וִויפִיל דוּ פְּרוּבִּירְסְט זִיךְ אָנְצוּשְׁטְרֶענְגֶען צוּ דַאוֶוענֶען ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, גֵייט עֶס נִישְׁט. דוּ פִילְסְט מַמָּשׁ אַז דִי גַאנְצֶע דַאוֶוענֶען אִיז נָאר אַ "זִירָאוֹ", עֶס אִיז מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט וֶוערְד. אָבֶּער אַ "זִירָאוֹ" אִיז דָאךְ עֶס יָא. אוּן אַזוֹי קְלוֹיבְּט זִיךְ צוּזַאם אַסַאךְ "זִירָאוֹ'ס" בִּיז עֶס קוּמְט אֵיין טָאג אוּן דָאס הַארְץ וֶועקְט זִיךְ אוֹיף אוּן מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן אַ נָאנְטְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן לֵייגְט מֶען צוּ נָאר אֵיין "אֵיינְסֶער", מֶען לֵייגְט צוּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז דֶער אֶחָד יָחִיד וּמְיוּחָד, אוּן וֶוען מֶען לֵייגְט צוּ אַן "אֵיינְסֶער" צוּ זֶעקְס "זִירָאוֹ'ס" הָאסְטוּ שׁוֹין אַ מִילְיָאן! אוּן ווִי מֶער "זִירָאוֹ'ס" מֶען לֵייגְט צוּ, יֶעדֶעס מָאל וָואס מֶען שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן צוּ טוּן אַ גוּטֶע זַאךְ, אֲפִילוּ וֶוען עֶס נִישְׁט אַזוֹי גֶעלוּנְגֶען, אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז נָאר אַ "זִירָאוֹ", אוֹיבּ אִיז אָבֶּער דֶער "אֵיינְסֶער" אוֹיף דִי לִינְקֶע זַייט, אוֹיבּ הָאט מֶען דֶעם אֵיינְצִיגְן בַּאשֶׁעפֶער מִיט זִיךְ, דַאן ווִי מֶער "זִירָאוֹ'ס" מֶען לֵייגְט צוּ, אַלְץ גְרֶעסֶער וֶוערְן דִי נוּמֶערְן.

מִיט דִי וֶוערְטֶער הָאט אִים דֶער צַדִּיק זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען, אַז אֲפִילוּ עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין אִידִישְׁקֵייט, זָאל עֶר זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ טוּן וָואס אוּן ווִי אַזוֹי עֶר קֶען נָאר, אוּן סוֹף כָּל סוֹף וֶועט עֶר זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן עֶר פְּלָאגְט זִיךְ צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט דֶעם גֶעשְׁמַאק, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶער נַחַת רוּחַ פוּן אִים, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַ"שׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ יְגִיעוֹת - פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנָּן)

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# דַארְף מֶען בֶּעטְן 'נָאר אוֹיבּ סְ'אִיז גוּט פַאר מִיר'?

*שְׁאֵלָה:*

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִין שׁוּלֶע לֶערְנְט מֶען אוֹיס אַז וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע זַאךְ, זָאל מֶען אַלֶעמָאל צוּלֵייגְן אוּן בֶּעטְן 'נָאר אוֹיבּ עֶס אִיז גוּט פַאר מִיר', וַוייל עֶס קֶען זַיין אַז מֶען וֶועט פוֹעֶל'ן עֶפֶּעס וָואס אִיז נִישְׁט גוּט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ. אָבֶּער בַּיי רוּחְנִיוּת דַארְף מֶען דָאס נִישְׁט צוּלֵייגְן, וַוייל עֶס אִיז אֵייבִּיג גוּט.

דִי לֶערֶערִינְס רֶעדְן אַסַאךְ פוּן דֶעם, אָבֶּער אִיךְ בַּאקוּם נֶערְוְון פוּן דֶעם, עֶס שְׁטֶערְט מִיר צוּ בֶּעטְן נָארְמַאל, וַוייל אִיךְ זָאג אִיבֶּער טוֹיזְנְט מָאל 'אִיךְ דַארְף עֶס נָאר אוֹיבּ עֶס אִיז גוּט פַאר מִיר', אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט נָארְמַאל קָאנְצֶענְטְרִירְן אוֹיף מַיינֶע תְּפִילוֹת. אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען דַארְף דָאס טַאקֶע זָאגְן, אוֹיבּ אִיז טַאקֶע אַ פְּרָאבְּלֶעם וֶוען מֶען לֵייגְט נִישְׁט צוּ דִי וֶוערְטֶער צוּ דִי תְּפִילוֹת.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס מֶען קֶען טוּן אַז דִי הִתְבּוֹדְדוּת זָאל גֵיין בֶּעסֶער אוּן גְרִינְגֶער. אִיךְ פְּרוּבִּיר זֵייעֶר אַסַאךְ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער גֶעוֶוענְלִיךְ אַרְבֶּעט עֶס בַּיי מִיר אַז נָאר אוֹיבּ עֶס לִיגְט מִיר עֶפֶּעס פּוּנְקְט שְׁוֶוער אוֹיף מַיין הַארְץ, נָאר דֶעמָאלְט קֶען אִיךְ רֶעדְן אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיבּ וֶוען עֶס גֵייט מִיר גוּט הֵייבּ אִיךְ אָן רֶעדְן אוּן אִיךְ בְּלַייבּ שְׁטֶעקְן, וַוייל אִיךְ הָאבּ פְּלוּצְלִינְג נִישְׁט וָואס צוּ רֶעדְן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

א' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, כ"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

זַייט אַייךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן גָארְנִישְׁט, רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נַאטִירְלִיךְ, בֶּעטְס אִים יֶעדֶע זַאךְ אַזוֹי ווִי מֶען בֶּעט אַ טַאטֶע אוּן מֶען רֶעדְט צוּ אַ פְרַיינְד; בֶּעטְס אִים אַלֶעס וָואס אִיר ווִילְט, בֶּעטְס אִים מִיט רַחֲמָנוּת, נִישְׁט מִיט עַקְשָׁנוּת. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצו): "אָסוּר לָאָדָם לַעֲמֹד עַצְמוֹ עַל שׁוּם דָּבָר, הַיְנוּ שֶׁאָסוּר לְהִתְעַקֵּשׁ בִּתְפִילָּתוֹ, שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יַעֲשֶׂה לוֹ דַּוְקָא אֶת בַּקָּשָׁתוֹ וְכוּ'", אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ נִישְׁט אַיינְ'עַקְשְׁנְ'עֶן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז מִיט אִים טוּן אַזוֹי ווִי עֶר ווִיל, "רַק צָרִיךְ לְהִתְפַּלֵּל וּלְהִתְחַנֵּן לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּרַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים", נָאר מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט רַחֲמָנוּת, אַזוֹי ווִי מֶען בֶּעט זִיךְ בַּיי אֵיינֶעם עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן, "אִם יִתֵּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, יִתֵּן", אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן - אִיז גוּט, "וְאִם לָאו, לָאו", אוּן אַז עֶר וֶועט אִים נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן - אִיז נִישְׁט.

דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט מִיט דֶעם וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, יג): "אַל תַּעַשׂ תְּפִלָּתְךָ קֶבַע", קֶבַע אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן גְזֵילָה, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כב, כג): "'וְקָבַע אֶת קֹבְעֵיהֶם נָפֶשׁ', הַיְנוּ שֶׁכָּל מַה שֶּׁהוּא מְבַקֵּשׁ, הֵן פַּרְנָסָה אוֹ בָּנִים אוֹ שְׁאָר צְרָכִים, אָסוּר לְהִתְעַקֵּשׁ וְלַעֲמֹד עַצְמוֹ בִּתְפִילָּתוֹ, שֶׁדַּוְקָא יַעֲשֶׂה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶת תְּפִילָּתוֹ", וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פַּרְנָסָה, אוֹיף קִינְדֶער אָדֶער אַנְדֶערֶע גֶעבֶּעטְן - טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט אַיינְ'עַקְשְׁנְ'עֶן אַז עֶס מוּז זַיין אַזוֹי ווִי עֶר ווִיל, "כִּי זֶה הוּא תְּפִילַּת קֶבַע, שֶׁלּוֹקֵחַ הַדָּבָר בְּחָזְקָה בִּגְזֵלָה, רַק יִתְפַּלֵּל רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים כַּנַּ"ל".

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס בֶּעט יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "כְּבֵן הַמִּתְחַטֵּא לִפְנֵי אָבִיו וְעוֹשֶׂה לוֹ רְצוֹנוֹ" (תַּעֲנִית יט.).

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה דְּבָרִים תשפ"ג)

BreslevCenter.com\answers

## לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע פוּן רֶבִּי'ן (קסח)

### אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער רֶבִּי גֶעבְּט פַאר רֶבִּי נָתָן אִיבֶּערְצוּשְׁרַייבְּן דֶעם סֵפֶר הַנִּשְׂרָף

דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן" וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעלָאזְט דְרוּקְן (זֶע וַוייטֶער אִין סִימָן תשמ"ז), וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "דֶער עֶרְשְׁטֶער סֵפֶר", אוּן דֶער "סֵפֶר הַנִּשְׂרָף" וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל פַארְבְּרֶענֶען (זֶע וַוייטֶער אִין סִימָן תשנ"ו) וֶוערְט גֶערוּפְן "דֶער צְוֵוייטֶער סֵפֶר".

כָאטְשׁ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן" אִיז בַּיי אוּנְז גָאר טִיפֶע אוּן גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, "רָזֵי דְרָזִין", יֶעדֶעס וָוארְט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר אִיז פוּל מִיט גָאר בַּאהַאלְטֶענֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה אָן קֵיין גְרֶענִיץ, אִיז עֶס אָבֶּער בַּיים רֶבִּי'ן אַלֵיין גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי "נִגְלֶה", דִי אָפֶענֶע חֲלָקִים פוּן דִי תּוֹרָה וָואס מִיר קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין, וִוידֶער דֶער צְוֵוייטֶער סֵפֶר, דֶער "סֵפֶר הַנִּשְׂרָף", אִיז בַּיים רֶבִּי'ן גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי "רָזִין", דָאס הֵייסְט וִוי דֶער חֵלֶק הַנִּסְתָּר פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אָבֶּער גֶעהַאט נָאךְ אַ דְרִיטֶער סֵפֶר, דָאס רוּפְט מֶען דֶער "סֵפֶר הַגָּנוּז", אַ בַּאהַאלְטֶענֶער סֵפֶר וָואס קֵיינֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט הָאט נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֶען בִּכְלַל, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען וִוי דִי "רָזֵי דְרָזִין" בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, גָאר סְפֶּעצְיֶעלֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה אִין וָואס מִיר הָאבְּן גָארְנִישְׁט קֵיין הַשָּׂגָה.

דִי צְוֵויי סְפָרִים, דֶער "סֵפֶר הַנִּשְׂרָף" אוּן דֶער "סֵפֶר הַגָּנוּז", זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען פַארְטִיג אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן בַּיים רֶבִּי'ן אִין דֶעם ווִינְטֶער פוּן יָאר תקס"ו. פוּן דֶעם קֶען מֶען אַבִּיסְל פַארְשְׁטֵיין פוּנְדֶערְוַוייטְנְס דִי גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ דָאךְ אוֹיפְגֶעטוּן אַסַאךְ מָאל אַז עֶר בְּלַייבְּט קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁטֵיין בַּיי אֵיין מַדְרֵיגָה, עֶר אִיז אַלְץ גֶעגַאנְגֶען הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער יֶעדְן טָאג. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, "אוֹיבּ זֶע אִיךְ אַז אִיךְ בִּין הַיינְט נָאךְ אוֹיף דִי זֶעלְבֶּע מַדְרֵיגָה וִוי נֶעכְטְן, דַארְף אִיךְ זִיךְ נִישְׁט הָאבְּן", דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אַלְץ זָאגְן אַז עֶר וֵוייסְט גָארְנִישְׁט, וַוייל עֶר הָאט אַלֶעמָאל גֶעוָואלְט מַשִּׂיג זַיין נָאךְ מֶער אוּן נָאךְ מֶער. פוּן דֶעם קֶען מֶען אַבִּיסְל מַשִּׂיג זַיין וִוי גְרוֹיס אוּן וִוי וַוייט עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען דִי הַשָּׂגוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ גֶעלֶעבְּט נָאכְדֶעם נָאךְ פִינְף יָאר, עֶר אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אִין דִי יָארְן פִילֶע שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע יִסּוּרִים, עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אַסַאךְ שְׁטֶעט וִוי מִיר וֶועלְן לֵיינֶען שְׁפֶּעטֶער, אוּן אִין דִי אַלֶע פְלֶעצֶער הָאט עֶר אוֹיפְגֶעטוּן אוּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גָאר הוֹיכֶע גֶעוַואלְדִיגֶע זַאכְן, עֶר הָאט מַשִּׂיג גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן הַשָּׂגוֹת וָואס אַ מֶענְטְשְׁלִיכֶער שֵׂכֶל קֶען גָארְנִישְׁט פַארְשְׁטֵיין אוּן בַּאגְרֵייפְן.

וֶוער עֶס הָאט נָאר אַ שְׁטִיקְל מֹחַ אִין קָאפּ, קֶען פוּן דֶעם אַבִּיסֶעלֶע זֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין פוּנְדֶערְוַוייטְנְס אַ בְּרֶעקֶעלֶע פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען זַיינְ'ס גְלַייכְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס וַוארְט אוֹיס צוּ דִי צַייט וֶוען עֶס וֶועט אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוערְן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶוער דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען, אוּן וָואס עֶר הָאט אוֹיפְגֶעטוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# אנשי שלומינו גאר ווארעם צום יערליכן "אנשי חיל" קאמפיין

דעם קומענדיגע וואך, פון דינסטאג עקב צוועלף אזייגער מיטאג, ביז זונטאג ראה צוועלף אזייגער ביינאכט, וועט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף לויפן דער יערליכער "אנשי חיל קאמפיין" לטובת די הייליגע מוסדות, ווי אנשי שלומינו וועלן ארויסווייזן זייער הכרת הטוב פאר'ן ראש ישיבה שליט"א וואס געבט זיך אוועק פאר אונז זיינע טעג און נעכט אונז צו דערנענטערן צום אייבערשטן מיט די עצות און הדרכות פון הייליגן רבי'ן, כדי מיר זאלן האבן א געשמאקע לעבן מיט אונזערע משפחות, און כדי מיר זאלן האבן מוסדות וואו מען לערנט מיט די קינדער אויפ'ן הייליגן אויסגעטרעטענעם וועג וואס מיר האבן מקובל פון אונזערע עלטערן און רבי'ס, און נישט פארפאלן ווערן אינעם היינטיגן שווערן דור.

ביים היי יעריגן "אנשי חיל" קאמפיין וועלן אנשי שלומינו נעמען א ציל, און זיך נעמען צו די ארבעט פון רופן די באקאנטע קרובים און שכנים, און זיי אנווארימען צו געבן פאר די הייליגע מוסדות. די עסקנים האבן געבעטן אז מען זאל טון אזוי ווי פאריאר ווען מען האט געבעטן אז מען זאל ענדערש נעמען א קלענערע ציל וואס מען שפירט אז מען קען עס אנקומען, און דערנאך עס איבערגיין, ווי איידער זיך אונטערצונעמען אומרעאליסטישע צילן און עס נישט דערגרייכן. מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף וועט מען נוצן דאס געלט פאר פילע וויכטיגע צוועקן אזוי ווי מען האט געטון ביז יעצט, ווי בויען שולן, מקוואות, חדרים, שולעס, און אנדערע ציבור'ישע געברויכן. ברוך השם אז דער ציבור וואקסט קע"ה און מען נויטיגט זיך שטארק זיך אויסצובררייטערן ביי פילע זאכן, יעצט וועט מען האבן די געלעגנהייט צו שטיין צו די האנט פונעם ראש ישיבה שליט"א.

צוליב פראקטישע סיבות וועט מען היי יאר נוצן אן אנדערן פלאטפארמע פון ביז יעצט, מען וועט נוצן דעם באקאנטן "דרייוו-אפ" סיסטעם וואס האט זייער גוטע פיטשערס און אפציעס. דער אפיציעלע לינק צום אנשי חיל קאמפיין איז dryveup.com/breslev אויף וועלכע פילע אנשי שלומינו האבן זיך שוין אנגעשלאסן. די וואס ווילן נעמען א ציל זאלן זען צו רופן וואס שנעלער מו"ה אהרן פיש הי"ו אדער הר"ר אהרן וועבערמאן הי"ו.

אין די זעלבע צייט גייט אן ביי די פרויען א גרויסע "נשי חיל" קאמפיין ווי די לעידיס אקזולערי לייגן אריין אסאך שעות און כוחות אויפצוטרייבן נדבות פון אידישע קינדער, וואס ווי די עבר האט געוויזן האבן זיי אריינגעברענגט גרויסע סכומים צום קאמפיין. די פרויען וואס ווילן זיך אנשליסן קענען זיך פארבינדען מיט מרת אפפעל.

ביי די היי יעריגע קאמפיין האט מען צוגעלייגט שיינע מתנות פאר די וואס שאפן גרעסערע סכומים, די וואס וועלן אנקומען צום סכום פון $7,000 וועלן האבן די זכיה און קענען מיטפארן מיט א נסיעה קיין ארץ ישראל מיט'ן ראש ישיבה שליט"א. און די וואס דערגרייכן $2,600 וועלן זיך קענען באטייליגן אין א געשמאקע שבת התוועדות מעין עולם הבא מיט'ן ראש ישיבה שליט"א.

דאס יאר האט מען זיך געמאכט א ציל אז די גאנצע קאמפיין זאל גרייכן א מיליאן דאלער, וואס לויט ווי די קהילה וואקסט קיין עין הרע, און בפרט לויט די ווארימקייט וואס מען זעט און מען האט געזען אין די פארגאנגענע יארן, דארף מען מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף קענען אנקומען צו דעם ציפער.

זונטאג נאכמיטאג וועט פארקומען א גרויסארטיגער מסיבת הכרת הטוב פאר די אלע וואס האבן גענומען א ציל ביים קאמפיין. ווי אויך וועט מען דארט קענען אויסנוצן די לעצטע שעות פון קאמפיין ארומצורופן אלע באקאנטע צו ווען מען איז נאכנישט אנגעקומען, און אויפטרייבן גרעסערע סכומים אנצוקומען צום ציל בעזר ה'. די מסיבה וועט פארקומען אין די גרויסע זאלן פון "הורליוויל ארט סענטער" אויף 219 מעין סטריט, הורליוויל. דער גאר רייכער פראגראם וועט זיך אנהויבן אי"ה אום פיר אזייגער, דער ראש ישיבה שליט"א וועט זיך משתתף זיין ביים מעמד.

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף ערווארט מען היי יאר א שטארקע הצלחה מיט'ן קאמפיין, אנשי שלומינו וועלן ווידעראמאל געבן א געלעגנהייט פאר כלל ישראל צו נעמען א חלק אין דעם הייליגן אמונה פאבריק "היכל הקודש" וואס באלייכט די גאנצע וועלט מיט אירע הערליכע פעולות פון פארשפרייטן אמונה, חיזוק, פאר יעדן איד.

## סימן טוב ומזל טוב

החתן **דניאל אייזנער** הי"ו
בן מו"ה **נתנאל אייזנער** הי"ו
צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג
בת מו"ה **יואל וועבערמאן** הי"ו

***

מו"ה **יואל לאנדא** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **שלמה ווייס** הי"ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

## אנגעזעצט

**דער מצב איז אנגעזעצט, אלעס איז אנגעזעצט, וואו הויבט מען אן זיך צו נעמען אין די הענט אריין? ווי אזוי קריכט מען ארויס?**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 9, 2, 60**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**


**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >